# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת בראשית שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## די שענסטע נוי סוכה

עז) איין יאר סוכות האט דער ראש ישיבה שליט"א געוויזן פאר ווער עס איז אריינגעקומען אין זיין סוכה, אויף א געוויסע נוי סוכה אויפ'ן וואנט (וואס איז געווען צעבראכן): "דאס איז מיין שענסטע נוי סוכה; די מיידלעך פון בית פיגא האבן געמאכט א שיינע זאך דאס צו קענען אויפהענגען אין סוכה, און א מיידל האט בטעות צעבראכן די נוי סוכה וואס מיין טאכטער האט געמאכט, און זי האט זיך גארנישט אויפגערעגט נאר געזאגט "גם זו לטובה" טראץ דעם וואס זי האט שווער געארבעט אויף דעם, איז דאס ביי מיר די שענסטע נוי סוכה".

## וויאזוי מען רעדט צו אן איידעם

עח) א אינגערמאן וואס האט געהאלטן נאכ'ן טון א שידוך מיט זיין קינד האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א וויאזוי מען רעדט צו אן איידעם, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "פונקט ווי אזוי מען רעדט צו א זון". דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: און צו א שנור רעדט מען וויאזוי מען רעדט צו א טאכטער. דאס איז די ארבעט פון עלטערן א גאנץ לעבן; מען זאגט פאר'ן איידעם "דיין ווייב האט דיר זייער ליב", און פאר די שנור זאגט מען "דיין מאן האט דיר זייער ליב" אא"וו.

## די שטעטל - ווי יבנאל

עט) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "איינער פון די איינוואוינער פון שטעטל האבן מיר געזאגט "די שטעטל שפירט זיך ממש ווי יבנאל, מען זעט ווי די ערד מיט'ן הימל קומען זיך צוזאם"... האב איך

אים געפרעגט: און ווי זענען די דימפלס[א] (חן גריבעלעך)?... האט ער מיר געענטפערט ווייזנדיג אויפ'ן באק: "דא"... דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער הנאה געהאט פון דעםווארט.

## מסירת נפש קען מען נישט פרעגן

פ) דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל דערציילט די מעשה וואס האט פאסירט דעם לעצטן ראש השנה פון רבי'ן - שנת תקע"א, דער ברסלב'ער רב ר' אהרן זכרונו לברכה איז געקומען פרעגן דעם רבי'ן וואס ער זאל טון וועגן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה (ער האט געמיינט אז ער פרעגט), ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז די ראשי קהילה זאגן אים אז ער קען נישט אוועקפארן, ער טאר זיי נישט איבערלאזן וכו' און אויב ער וועט אוועק פארן אויף ראש השנה וועט ער פארלירן זיין פרנסה וכו', האט אים דער רבי געזאגט: "דעמאלט קענסטו נישט קומען; בלייב מיט זיי אין ברסלב" (עיין חיי מוהר"ן, סימן תו; פעולת הצדיק, סימן תתקצט). למעשה איז ער טאקע נישט געקומען.

שפעטער האט מען געהערט ווי דער רבי קרעכטצט אז דער ברסלב'ער רב וועט נישט זיין אויף יום טוב און עס וועט מיר זייער שטערן, האט מען געפרעגט דעם רבי'ן: "דער רבי האט דאך אים געזאגט ער זאל נישט קומען?!" האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תו) מען זאל זייער אכטונג געבן נישט צו פרעגן אזעלכע שאלות, ווייל ער וועט מוזן ענטפערן מען זאל נישט קומען. אזוי איז ווען מען פרעגט א רבי א שאלה וואס דער תירוץ איז א מסירת נפש, דארף דער רבי ענטפערן מען זאל עס נישט טון, אבער באמת וויל דער רבי אז מען זאל זיך יא מוסר נפש זיין, דערפאר דארף מען אכטונג געבן נישט צו פרעגן אזעלכע שאלות.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט: "וואס איז פשט, ר' אהרן

[א] מוהרא"ש זכר צדיק לברכה פלעגט אלץ זאגן אויף יבנאל "מען זעט ווי די הימל און דער ערד 'קושן זיך'. אויך פלעגט מוהרא"ש ווייזן אויף די שפאלטענעס פון די בערג אין יבנאל "דאס זעט אויס ווי 'חן גריבעלעך'"...

האט נישט געוואוסט אזא זאך קען מען נישט פרעגן, ווייל דער רבי קען נישט הייסן טון א זאך וואס איז מסירות נפש?" דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "קען זיין די מעשה האט פאסירט נאר אז עס זאל ארויסקומען אזא שיינע שיחה, מיר זאלן אויך וויסן אז א זאך וואס איז תלוי אין מסירות נפש קען מען נישט פרעגן, מען דארף טון".

## זיך אנהאלטן אינעם רבי'ן

פא) שבת תשובה נאך קבלת שבת האט דער ראש ישיבה שליט"א געשמועסט איבער הפצה, און נאך זאכן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: עס קומט א יאר... עס קומט א יאר... (ווי איינער וויל נישט ארויסזאגן א שלעכטע זאך ח"ו) האט זיך איינער אנגערופן עס קומט א גוטע יאר... האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווער עס וועט זיך אנהאלטן אינעם רבי'ן וועט האבן א גוטע יאר".

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פון עטליכע וועלט בארימטע רעדנערס וואס האבן געהאט פיל צוהערער, ביז זיי האבן אנגעהויבן רעדן אויפ'ן רבי'ן און חוזק מאכן פון אומאן וכו', האבן זיי אלעס פארלוירן און מען הערט מער נישט פון זיי.

## א שיינע לולב האלטער איז גאוה?

פב) איינער האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א איין יאר פאר סוכות צי ער זאל קויפן די גאר שיינע געבלומטע קיישעלעך פאר'ן לולב, אויב דאס זעט נישט אויס ווי זיך גרויס האלטן (מיחזא כיוהרא), האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט מיט א שמייכל: "אינטערעסאנט, אויף דעם שיינעם קאר וואס דו פארמאגסט טראכסטו נישט אפשר איז דאס גאוה, אבער פונקט ביי מצוות קומט דער יצר הרע מיט אלע מיני מחשבות, זיכער זאל מען שיין מאכן די מצוה פון ד' מינים און מקיים זיין 'זה א-לי ואנוהו'".

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אומגעקוקט פאר סוכות ווען מען האט פארקויפט ד' מינים אין ישיבה, דער ראש ישיבה שליט"א האט באמערקט א נייע סארט שיינע געבלומטע קיישעלע, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: "דאס וועט זיין ווי די האלטער פון מיין פאון"... (אזוי ווי דער שטייגער איז ביי מענטשן אז יעדע שטיק צייט קויפט מען א נייע סארט האלטער פאר'ן פאון...) און דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס געקויפט.

# שמחת תורה תשפ"א מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען 'גאר גאר' פרייליך ביי די הקפות סיי שמיני עצרת ביינאכט, סיי שמחת תורה ביינאכט, און נאכמער שמחת תורה אינדערפרי, די שמחה האט זיך ממש איבערגעגאסן צו אלע מתפללים, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך שפעטער אויסגעדריקט: "איך קען נישט אויפהערן טאנצן, איך שפרינג ממש ארויס פון די הויט!". ביי רוב פון די הקפות איז דער ראש ישיבה שליט"א געשטאנען אין דער הייעך אינמיט'ן בית המדרש און געמאכט מיט די הענט "לעבעדיג לעבעדיג".

## א מבול פון כפירה און אפיקורסות

צווישן די הקפות ווען מען האט געזינגען ניגוני אמונה, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעשטעלט אויף א בענקל און אנגעהויבן רעדן פון פשטות אמונה מיט א מורא'דיגע ברען: דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר צוויי הונדערט און צען יאר צוריק: "איידער משיח וועט קומען, וועט זיין א מבול אויף דער וועלט! נישט קיין מבול פון פייער, נישט קיין מבול פון וואסער, נאר א מבול פון כפירה און אפיקורסות, פון הימל וועט מען גיסן אזויפיל אפיקורסות אז דאס וועט אריינשפריצן אפילו אין די כשר'ע הערצער, אבער איך ווייס אז מיינע מענטשן וועלן זיך דערהאלטן און בלייבן ביי די אמונה. אבער - האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט - מיר ווייסן נישט וואס וועט זיין מיט די קינדער, איך וויל נישט דערשרעקן, אבער די מצב זעט אויס גאר שרעקעדיג, דארף מען זען צו אריינלייגן אין די קינדער אמונה! מען דארף אסאך חזר'ן די אמונה". דערנאך האט מען ווייטער געזינגען פיל ניגונים פון אמונה.

## אנא ה' הושיע נא - איך בעט דיך אייבערשטער העלף מיר

ווען מען האט געענדיגט זינגען, און מען האט גערארפט אנהייבן די קומענדיגע הקפה האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "מען לייגט נישט צו קאפ צו וואס מען זאגט פאר יעדע הקפה, אזא שיינע תפילה, "איך בעט דיך אייבערשטער העלף מיר", "אנא ה' הושיעה נא", "אנא ה' הצליחה נא", און דער ראש ישיבה האט גענומען דעם ספר תורה, (ביז די הקפה איז א צווייטער געווען בעל תפילה) און אנגעהויבן פארזאגן מיט א ברען, מיט'ן נוסח: "יודע מחשבות העלף מיר" און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס דערנאך איבערגעזאגט אויף לשון קודש "פאר די וואס האבן נערוועז צו זיי האבן יוצא געווען"...

דערנאך, איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן פארזאגן קאפיטל כ"ט האט ער געזאגט: "דער רבי זאגט קאפיטל כ"ט איז מבטל פחדים, רוח רעה. איך האב געטראכט מען קען זאגן פשט, דאס גייט ארויף אויף אלא סארט פחדים, פאביעס, ענקזייעטי, פאניק אטאקע, און אלע סארט "עי. בי. סי."... וכו'; איינער האט מורא פון א שטארקע מענטש, א מענטש וואס האט אסאך כח - אז ער וועט אים שלעכטס טון, זאגט מען "קול ה' בכח"; איינער האט מורא אז אפשר איז ער נישט גענוג שיין, זאגט מען "קול ה' בהדר"; איינער האט מורא פון פייער, זאגט מען "קול ה' חוצב להבות אש"; איינער האט מורא פון וואסער, "קול ה' על המים"; איינער פון א מדבר, "קול ה' יחיל מדבר"; אז מען נעמט אריין אין זיך די פשוט'ע אמונה ווערט מען ניצל פון אלע פחדים".

## בשעת די הקפות דארף מען טאנצן

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געזען ווי איינער שטייט אין דער זייט נאכדעם וואס מען האט אנגעהויבן אן הקפה ווייל ער האט נאכנישט געענדיגט זאגן דעם "לשם יחוד" און דעם "יהי רצון", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "לאז אפ די אלע נערוון... "לשם יחוד'ס" און "יהי רצון'ס" ועסטו באלד זאגן, יעצט טאנצט מען! קום טאנצן!".

## אין הימל טוט זיך א שמחה און איך ליג אין בעט?

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אינמיטן די הקפות: "דער הייליגער שינאווער רב איז אמאל געלעגן אין בעט הושענא רבה, ער איז געווען גאר אפגעשוואכט פון די עבודה ביי די תפילות און הושענות, ער האט ממש נישט געקענט זיך אויפהייבן פון בעט; אבער ווען עס איז געווארן נאכט און מען האט געדארפט גיין צו די הקפות האט דער הייליגער שינאווער רב זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט מיט שמחה און זיך אנגערופן מיט א פלאם פייער: "אין הימל טוט זיך יעצט אזא אויסטערלישע שמחה, אזא פרייליכע חתונה, אלע מלאכים פרייען זיך אינאיינעם מיט די אידן וואס טאנצן מיט די תורה, מען טיילט מתנות פאר יעדן, און איך ליג מיר דא אזוי אין בעט און איך רו זיך אפ?!", דער הייליגער שינאווער רב איז גלייך ארייגעגאנגען צו די הקפות מיט פרישע כוחות".

## שמחת תורה האט מען געזען א געוואלדיגע שמחה ביי צדיקים

האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט: "און דאס האט מען געזען ביי אלע צדיקים. נעכטן האב איך גערעדט מיט אפאר ליובאוויטשע חסידים האבן זיי מיר געזאגט אז טראץ דעם וואס א גאנץ יאר האט מען נישט געזען אויף אים (אויפ'ן ליובאוויטשן רבי'ן), אבער שמחת תורה האט מען יא געזען, אפילו א גאנץ יאר איז ער געווען ערנסט - אוודאי איז ער געווען פרייליך אין הארץ אבער פון אינדרויסן האט מען נישט געקענט זען - ער האט געהאט זיינע זאכן וואס ער האט געדארפט אויפטון אין זיינע מלחמות וכו', אבער שמחת תורה האט מען יא געזען אויף אים א געוואלדיגע שמחה".

## ווי מער מען שוויצט ביי מיינע הקפות - וועט מען ווייניגער שוויצן דורכאויס דעם יאר

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "קומט זינגען פאר די תורה, קומט טאנצן פאר די תורה, אפילו מען שוויצט" וכו'. דער הייליגער סאטמארער רבי זכר צדיק לברכה האט אמאל געזען ווי א חסיד קומט צו די הקפות און ער האלט אן העמד, האט ער אים געפרעגט: וואס איז דאס? האט דער חסיד געזאגט ער שוויצט גאר שטארק ביי די הקפות ממש ביז'ן ווערן דורכגענעצט, האט דער רבי געזאגט: "זייער גוט, זייער גוט! **ווי מער מען שוויצט ביי מיינע הקפות וועט מען ווייניגער דארפן שוויצן במשך דעם יאר**"! האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט מיט א ברען: "די זעלבע זאך איז דא, ווי מער מען שוויצט פאר'ן אייבערשטן און מען טאנצט פאר די תורה, וועט מען ווייניגער דארפן שוויצן במשך דעם יאר"!

## צוויי הונדערט מאל משניות!

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערופן אינמיטן די הקפות: "יעצט וועט מען געבן אן הקפה פאר א בחור וואס האט געענדיגט **איבער צוויי הונדערט מאל** משניות"!

## איך האב ליב מיין בארד!

שמחת תורה אינדערפרי ביי איינע פון די הקפות האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען דעם ניגון "א מחיה בארד", "א מחיה פיאות", "א מחיה איד", "א מחיה שבת", "א מחיה ציצית", "א מחיה קאפל", און אזוי ווייטער, מען האט דאס געזינגען מערערע מאל ביי עטליכע הקפות; ווען מען האט געזינגען "א מחיה בארד, שכ'ח באשעפער אז איך האב א בארד..." האט דער ראש ישיבה שליט"א פארראכטן: "שכ'ח באשעפער אז איך האב **ליב** מיין בארד"...

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך געגעבן דעם ס"ת פאר א בחור און אויסגערופן: "יעצט גייט מען געבן אן הקפה פאר א בחור וואס האט ליב זיין בארד[ב]"...

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך צעפייערט און ממש געשריגן פון טיפעניש פון הארץ: "איך וויל ענק בעטן מיינע טייערע בחורים, מיינע טייערע אינגעלייט, זייט שטארק מיט ענקער בארד און פיאות מיט מסירות נפש! **הרג'ע מיך! שיס מיך! שטעך מיך! ברען מיך! אבער איך נעם נישט אראפ מיין בארד!** און טייערע בחור, אויב מען וועט דיר אנטראגן א שידוך און די מיידל וועט פארלאנגען דו זאלסט זיך שניידן די בארד זאלסטו איר זאגן: **"אויב דו וועסט זיך אפשניידן דיין נאז... וועל איך... אויך נישט אפשניידן די בארד און פיאות!"**.

איך נעם נישט אראפ מיין בארד פאר קיינעם אין דער וועלט! דער זינגער גייט אן א בארד? זאל ער בלייבן אויפ'ן סטעידש (בימה) אן זיין בארד, איך נעם נישט אראפ מיין בארד פאר קיינעם! "איך בין נישט קיין זינגער, און איך וויל נישט זיין אין גן עדן מיט אלע זינגערס... איך וויל זיין אין גן עדן מיט די פשוט'ע אידן וואס גייען מיט בארד און פיאות"!

## איך האב געטרינקען די אונגערישע וויין - דעם רבינ'ס ווייך

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אינמיטן די הקפות: "עס זעט אויס ווי איך האב געטרינקען, עס זעט אויס ווי איך בין אביסל בגילופין... גלייבט מיר איך האב נאכנישט קידוש געמאכט, נאר וואס דען? איך האב געטרינקען פון רבינ'ס ווייך - די אונגערישע ווייך"!

[ב] דער בחור פלעגט נישט האבן קיין בארד, אבער דורך די פיל דרשות וואס ער האט געהערט אין ישיבה איבער די גרויסקייט פון א בארד האט ער זיך געלאזט וואקסן זיין בארד. צוליב דעם האט אים דער ראש ישיבה שליט"א מכבד געווען מיט אן הקפה.

## אז מען וויל, איז שוין גוט...

דער ראש ישיבה שליט"א האט עטליכע מאל געפרעגט אינמיטן די הקפות: "ווער וויל קומען זינגען לכבוד די תורה"? און דער עולם האט געענטפערט "איך", האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "אז מען וויל, איז שוין גוט"...

שמחת תורה צו מנחה דער ראש ישיבה שליט"א אנגעקומען שפעט, רוב עולם איז שוין געווען אין בית המדרש ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז ארייגעקומען מיט א שטורעם און אנגעהויבן טאנצן מיט א מורא'דיגע שמחה דעם ליובאוויטשן ניגון "ושמחת בחגך", די גאנצע עולם איז מיטגעכאפט געווארן מיט די פייערדיגע טענץ.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויפ'ן וועג גייענדיג אין בית המדרש צו מנחה פאר איינע פון די באגלייטער: "איך שפרינג ממש ארויס פון די הויט פון שמחה, איך קען נישט אויפהערן טאנצן"!

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך געפרעגט מיט א שמייכל: "אפשר קען איך זינגן די גאנצע וועג צו שול?...

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט מיט א שמייכל: "אויב טו איך זיך אן א קנייטש היטל מעג איך יא זינגן די גאנצע וועג צו שול?...

מוצאי שמחת תורה נאכ'ן זמן איז דער ראש ישיבה געווען מורא'דיג פריילעך, און גלייך געהייסן אנצינדן מוזיק, מען איז געטאנצן אין בית המדרש בערך צוויי א האלב שעה (די ערשטע שעה צייט בערך האט מען געטאנצן אויף די ניגון "שובו לכם לאהליכם", דערנאך האט מען געטאנצן אויף עטליכע לעבעדיגע כלעזמער ניגונים).

אינמיטן טאנצן האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו איינעם: "איך פלאנץ באקסער[ג][ד]".

דער ראש ישיבה האט דערנאך געזאגט: "אלע וואס זענען אריינגעקומען פון אנדערע שטעט אויף יום טוב, זאלן אפשרייבן וויאזוי זיי שפירן זיך יעצט, און וויאזוי זיי האבן הנאה געהאט פונעם יום טוב, און דאס אפשרייבן מיט אלע געפילן, אזוי אז קומענדיגע יאר ווען דו וועסט טראכטן 'וואס האב איך אריינצופארן, עס איז אזוי שווער, די קינדער וויינען אויפ'ן וועג וכו' וכו', זאלסטו ארויסנעמען דעם צעטל וואס דו האסט אפגעשריבן, און זען ווי דו שרייבסט "עס איז געווען פרייליך פרייליך פרייליך"... וועסטו נישט קוקן אויף די שוועריגקייטן[ה]"...

---

[ג] דער ראש ישיבה שליט"א האט געוואלט מרמז זיין אז פיל פון די כוחות וואס ער לייגט אריין אין תלמידים געבן זיך נישט גלייך איין, אבער נאך אסאך צייט וועט דאס צוביסלעך אריינגיין אין זיי, און פיל פון די שווערע ארבעט וועט מען ערשט אנזען נאר אין די קומענדיגע דור, אויף די קינדער; אזוויוי א באקסער בוים וואס געבט נישט גלייך קיין פירות ווען מען פלאנצט דאס איין, נאר ערשט נאך זיבעציג יאר הייבט אן ארויסצוקומען די פירות. [אזוי ווי די גמרא דערציילט (תענית כג.), דער מענטש האט געענטפערט פאר רבי חנינא בן דוסא: "כי היכי דשתלי לי אבהתי שתלי נמי לבראי" - פונקט ווי מיינע עלטערן האבן איינגעפלאנצט באקסערביימער פאר מיר, אזוי פלאנץ איך איין באקסער ביימער פאר מיינע קינדער.]

[ד] איינע פון די אינגעלייט איז צוגעקומען מיט זיין קליין אינגל זאגן גוט יו"ט פאר'ן ראש ישיבה און דער אינגל האט נישט געוואלט געבן די הענט פאר'ן ראש ישיבה, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "איך האב צייט... ביים סוף וועט ער מיר געבן די הענט"...

[ה] דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "איך פארשטיי נישט די אינגעלייט פון שטעטל וועלכע זענען נישט געקומען קיין וויליאמסבורג אויף שמחת תורה, 'וועגן אביסל באקוועמליכקייט קומט מען נישט צו א רבי'?!"

פאריגע יאר האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט ענליכע ווערטער צו א תלמיד: "ביי אידן איז אלץ אזוי געווען אז שמחת תורה און שבועות פארט מען צו א רבי. איך דארף זאגן מען זאל אריינקומען?! איך פארשטיי נישט די אינגעלייט פון שטעטל וואס זענען נישט געקומען".

דער ראש ישיבה האט געזאגט נאכ'ן טאנצן: "ווער וויל זען אן אינטערעסאנטע זאך? זאל קומען מארגן אינדערפרי אין ישיבה, וועט ער זען אן אינטערעסאנטע זאך... א ראש ישיבה זיצט שוין דרייצן יאר אויפ'ן זעלבן פלאץ און געבט שיעורים פאר בחורים **מיט'ן זעלבן פרישקייט ווי פאר דרייצן יאר צוריק... און נאכמער**"!